בס"ד

אונזער הייליגע

פרשת כי תבא תשפ"ה לפ"ק
גליון א'

# מוסדות

נייעס און באריכטן פון

## תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש

.

# הורי מוסדותינו שהיינו!!!

## מזל טוב אלע חשובע הורי מוסדותינו הקדושים!!

ווי ברייט באקאנט פאר א יעדעם איינעם, די נאנטקייט און די צוזאמענארבעט צווישן די חשובע עלטערן פון די מוסדות, מיט די געטרייע הנהלת המוסדות, וואס געבן זיך אוועק בלב ובנפש למען קיום ועתיד מוסדותינו הק' המתנוסס לשם ולתפארת.

אבער יעצט אלץ א בחינה פון מוסיף והולך, האט זיך די געטרייע הנהלת המוסדות ארייגעווארפן און א פראיעקט. וואס וועט מיט'ן אייבערשטן'ס הילף נאך מער פארשטערקערן די קשר צווישןביידע שותפים, דורכ'ן ארויסגעבן די מוסדות בלעטל. ווי מען וועט מיט'ן אייבערשטן'ס הילף מיט טיילן פאר די חשובע שותפים, אלע נייעס און באריכט'ן מה נעשה ונשמע בין כותלי מוסדותינו הק' אויף א וועכנטליכע פארנעם.

עס איז צום האפן אז מיר זאלן קענען מעלדן כסדר נאר גיטע נייעס בקרב מוסדותינו הק'. און מיט'ן אייבערשטן'ס הילף זאלן מיר ווייטער מיטהאלטן, ווי אונזערע לעכטיגע קינדערליך שטייגן און וואקסן בתורה ויראת שמים, אויף הייליג'ן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, און עס ווערט ווייטער נמשך דורך בנו חביבו ומ"מ כ"ק מרן רבינו שליט"א, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכיבו בראשינו, בב"א.

# ומשה עלה!!!

מיט גרויס פרייד האבן מיר די כבוד און זכי' צו מעלדן פאר די חשובע עלטערן שיחיו. אז נאך גרויס פלאג און מיה, קענען מיר ב"ה מבשר זיין די בשורה טובה, אז צום נייעם זמן הלימודים שנת תשפ"ו לפ"ק איז אונז געלונגען צו אויפנעמען.

דעם טאלאנטפולער מלמד מומחה רבות בשנים, איש האשכולות,

**הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א**

**אלץ די סגן מנהל פון אונזער הייליגע תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש**

ר' משה מרדכי איז שוין ברייט באקאנט פאר די חשובע עלטערן, זייענדיג די קינדערגארטן מלמד די לעצט צוויי יאר בקרב מוסדותינו הק', און טאקע די גרוס'ן וואס מיר הערן צוריק איבער די צופרידנקייט פון די חשובע עלטערן איז אין לשער, איז ער טאקע דערפאר געווארן אויסגעקליבן צו דינען אלץ די סגן מנהל פון מוסדותינו.

ווי אויך דארף טאקע דערמאנט ווערן, אז די גאנצע מהלך החינוך פון די תלמוד תורה, ווערט באגלייט פראזענטליך דורך

## הגה"צ ר' חיים יחאל אלטר סג"ל שליט"א

בנו יקירו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מיט א תפילה צום אייבערשטן, אז מיר זאלן ווייטער זעהן ווי אונזערע לעכטיגע קינדערליך, די צאן קדשים שטייגן מעלה מעלה בתוי"ש אויפ'ן הייליגן טאהש'ע דרך, לשם ולתפארת ולתהלה.

## מחוק ברחמיך הרבים את שטרי חובותינו

## טייערע עלטערן שיחיו

שטייענדיג יעצט אינעם גרויס'ן טאג ווען איר גרייטן זיך צום הייליגן יום הדין און איר גייען שרייען צום אייבערשט'ן מחוק ברחמיך הרבים את שטרי חובותינו

מאכט זיכער אז די באלאנס איז אינגאנצן אויסגעצאלט און מיט דעם וועט איר זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה בספרן של צדיקים גמורים

**רופט יעצט אריין צום געטרייע מנכ"ל המוסדות**

**אויף 2# (1845) 369 8674**

# ושמואל בקוראי שמו!!!

## על בשורה טובה ששמע אומרים ברוך הטוב והמטיב

הורי מוסדותינו הקדושה זענען איינגעהילט און א פריידיגע שטימונג, ווען עס איז דעם היינטיגן מיטוואך באשטימט געווארן, אז די קינדערגארטען מלמד צום קומענדיגן שנת הלימודים וועט בשעה טובה ומצלחת זיין, די גרויסע מחנך נפלא

**הרב שמואל פישער שליט"א**

**לאנגיעריגע מלמד אונעם הייליגן רביין שטעטל קרית טאהש קודש**

און יעצט ווען ער גרייט זיך צו קובע משכנו זיין דאהי און ניו יארק, האבן מיר די זכי' אז ער וועט דינען אלץ די קינדערגארטן מלמד פון אונזער הייליגע תלמוד תורה.

ר' שמואל איז ברייט באקאנט ביי א יעדעם איינעם ,איבער זיין אייגענארטיג'ן מהלך בשדה החינוך.

ווי די לעכטיגע קינדער שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומידות טובות על דרך עבודת עבודה.

עס אונז צום האפן אז ער זאל האבן הצלחה און זיין ארבעט, און די קינדער זאלן שטייגן און וואקסן בתורה ויראת שמים.

---

# שיר השירים אשר לשלמה

**בשם אלע תלמידי והורי המוסדות ווילן מיר דא וואונטשן א הארציגע**

# ברכת מזל טוב

**פאר געטרייע און איבערגעבענע מנכ"ל המוסדות**

# העסקן מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו

**לרגל שמחתו הגדולה בהולדת בתו למז"ט**

**דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט**

**און דעם זמן ווילן מיר זיך באדאנקען פאר ר' שלמה פאר אלע פעולות נשגבות וואס ער טוט לטובת די מוסדות ובפרט וואס ער געבט זיך אזוי ווארים אפ מיט יעדע תלמיד און זייערע עלטערן מיט געטריישאפט**

*המברכים: התלמידים והורי התלמידים*

# לכבוד אלע חשובע הורי אוסדותינו הק'

אזוי ווי יעדער האלט מיט ווי ב"ה אונזער הייליגע אוסודת וואקסט און בליעט אויף אן אויסטערלישן פארנעם און ווי מען קען זאגן אז מען זעט אויף טריט און שריט די זכותו של אותו זקן רבינו הקדוש וואס דאס באגלייט אונז א גאנצן טאג

קומען מיר דא מיט א בקשה צו די חשובה עלטערן אונז צו שטיין צו די רעכטע האנט און זיך אנשטרענגען יותר מכפי יכלתו אונז ארויסצוהעלפן מיט וואס מען קען

ובפרט מיט די דורותינו קאמפיין וואס מען האט אוועק געשטעלט ווי יעדע טאטע קען האבן די זכי' צו קויפן א כתה לשבוע פארן אינטאמאלע סכום פון$1,800

ווי אויך בעת שמחתו אדער ווען עס איז דא א יארצייט און די משפחה צו קויפן א פרנס היום פאר'ן סכום פון $180

## פארבינדט אייך שוין מיט'ן שליח המוסדות
## העסקן מו"ה אליעזר קרויס הי"ו
## אויף 8093 662 (1845)

*א גוט שבת*

*ההנהלה*